LES CAHIERS YIDDISH
Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# ייִדישע העפֿטן



געווידמעט
מ י ל כ ה
שולשטיין

אַלען קלײנמאַן: "דער פּראָגער זייגער" (פֿראַגמענט)

Alain KLEINMANN : *"L'horloge de Prague"*© (fragment)

n° 119

NOVEMBRE 2007 נאָוועמבער

prix : 5 euros

Revue diffusée avec l'aide de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# "מעקסיקאָ, מעקסיקאָ !...

## "Mexico, Mexico !"*

## אינטערוויו מיט מאַיאַ אייזען

אויפגענומען פון **פּראָפעסאָר מאַקס קאָהן**
(מאַקס צוקערמאַן-פּרייז טרעגער)

**מאַקס קאָהן :**
**ווער זענט איר און וואָס טוט איר מיט ייִדיש אין מעקסיקאָ?**

**מאַיאַ אייזען :**
מײַן נאָמען איז מאַיאַ ווײַספעלד אייזען. איך בין געבוירן געוואָרן אין פּאַריז אין 1931. מײַנע עלטערן זײַנען געווען פון וואַרשע און אין די 20קער יאָרן געקומען קיין פראַנקרײַך. זיי זײַנען געווען אמתע איבערגעגעבענע בונדיסטן און דערפאַר אַוועק פון פוילן. אין 1936 זײַנען מיר געקומען קיין מעקסיקע. מײַן מאַמע-לשון איז ייִדיש. איך קען אויך שפּאַניש, פראַנצויזיש, ענגליש און העברעיִש.

במשך 35 יאָר האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט לערערײַ. איך בין געווען אַ לערערין אין אַ מיטשול. אין דער שולע "יבנה" און אין דער "ייִדישער שול אין מעקסיקע", ווו איך בין געווען קאָאָרדינאַטאָרין פון ייִדישע למדים און געשאַפן דעם לערן-מאַטעריאַל פאַר געשיכטע, שפּראַך און ליטעראַטור פאַר די העכערע קלאַסן, אַלץ אויף ייִדיש!

הײַנט צו טאָג איז די סיטואַציע אַן אַנדערע. איך אַרבעט איצטער מיט גרופּעס פון דערוואַקסענע מענטשן אויף שפּאַניש געווידמעט כל מיני ייִדישע טעמעס ווי אַקטואַליטעטן, ליטעראַטור, געשיכטע א.א.וו.

**פראַגע :**
**וואָס איז די סיטואַציע פון ייִדיש אין מעקסיקע הײַנט?**



**ענטפער :**
צום באַדויערן מוז איך ענטפערן אַז זייער אַן אומעטיקע. די דרײַ ייִדישע שולן (ייִדישע שול אין מעקסיקע, נײַע ייִדישע שול י.ל. פּרץ און "יבנה"), וואָס פלעגן לערנען ייִדיש טאָג-טעגלעך האָבן אין גאַנצן געביטן זייערע ייִדישע לערן-פּראָגראַמען. געשיכטע לערנט מען אויף שפּאַניש. די ייִדישע שול הייבט אָן צו לערנען ייִדיש ערשט אין 3טן קלאַס פ"ש (פריער האָט מען אָנגעהויבן אין קינדער-גאָרטן), בלויז די פּרץ-שול לערנט ייִדיש אין ק"ג. אין דער ייִדישער שול, אין מ"ש, איז דער למוד אַן אָפּטאַטיווער און די לעצטע דרײַ יאָרן פון מ"ש איז דער למוד אַפילו ניט גענומען אין אַכט.

זיידעס, באָבעס און עלטערן דריקן אויס זייער ווייטאָג, אָבער טוען גאָרניט צו ענדערן, כּדי צו פאַרבעסערן די סיטואַציע.

**פראַגע :**
**מיט וועמען אַרבעט איר וועגן ייִדיש?**

**ענטפער :**
אין דער "ייִדישער שול אין מעקסיקע" איז דאָ אַ קליינע צאָל תלמידים וואָס פילן, אַז דאָס איז ניט ריכטיק און וואָס האָבן אַ ספּעציעלן געפיל פאַר ייִדיש און זיי האָבן געפאָדערט אַז זיי ווילן לערנען ייִדיש, און פאַר זיי איז

אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ קורס פֿון ייִדישער שפּראַך און איך בין פֿאַרבעטן געוואָרן אָנצוגיין מיט דער גרופּע.

**פֿראַגע :**
**וואָס איז די צוקונפֿט פֿון ייִדיש אין מעקסיקאָ און אין דער וועלט אין אַלגעמיין?**

**ענטפֿער :**
עס קומט מיר אָן זייער שווער צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע ווײַל דער ווײַטאָג איז זייער גרויס ווען איך דאַרף אָנערקענען אַז אין מעקסיקע זע איך נישט קיין צוקונפֿט פֿאַר ייִדיש, אין אַ צײַט ווען אויף דער גאַנצער וועלט שטרענגט מען זיך אָן לעבעדיק צו האַלטן ייִדיש : אין מעקסיקע זע איך דאָס פֿאַרקערטע.

איך שטעל זיך כּסדר די פֿראַגעס :

- ווו איז פֿאַראַן אַ ייִדישער לערן-סעמינאַר וואָס זאָל צוגרייטן ייִדישע לערערס?

- פֿון וואַנען וועלן מיר נעמען ייִדישע לערערס אין דער צוקונפֿט?

און דאָס, גלייב איך, איז דער ענטפֿער אויף אײַער פֿראַגע. און איך וועל צוגעבן : **ווו רעדט מען טאָג-טעגלעך ייִדיש? ווו איז ייִדיש היינט צו טאָג דאָס מאַמע-לשון?**

און דער ענטפֿער איז : בײַ די רעליגיעזע ייִדן. און אפֿשר - פֿרעג איך זיך אַליין - וועלן זיי זײַן די, וואָס וועלן ראַטעווען די שפּראַך וואָס איז מיר אַזוי טײַער.

------------

* אַ טיטל פֿון אַ באַרימטן ליד געזונגען פֿון דעם פֿראַנצויזישן טענאָר לויִס מאַריאַנאָ.

## רבקה באַסמאַן בן-חיים/ישׂראל

לזכר מילכה שולשטיין ז״ל

### Waltz Tristia

משה לייב האָט שוין אַ מאָל
געזונגען: ״פֿאָרלעך דרייען זיך״
און זײַן ניגון האָט געטריפֿט מיט מעלאַנכאָליע —
הײַנט באַדאַרף מען אויסלעשן דעם אינטערנעט,
צונויפֿנעמען די ריינע טראָפּנס לעבן
און בלײַבן ערגעץ ווו
מיט ביימער אין אַ קרײַז,
זיך דרייען ביז צום לעצטן אָטעם
אַן אומעטיקן וואַלס,
מיט ביימער אַנשטאָט מענטשן,
אַנטלאָפֿענע פֿון אומעט
אויף אַ וועלט וואָס איז פֿאַרגאַנגען —
מען האָט דערציילט
אַז אויף אַ בוים
האָט זיך אַן אַלטע פֿאָר
געהאַנגען.

### אָוונט

אַ פֿרוי, אַ גרויע פֿרוי
גייט און רעדט צו זיך
אַזוי ווי איך —
וואָס דערציילט זי זיך אַליין,
גייענדיק פֿאַמעלעך טראָט אין טראָט
אויף בלעטער האַרבסטיקע
וואָס פֿאַלן
צו דער ערד אַראָפּ,
וואָס דערציילט זי
און ווער דערהערט?
איר שטילקייט קניט
צום אָוונטיקן בלעטערפֿאַל, —
אַ לעצטער בלאַט,
אַ לעצטער שטראַל.